**<u>אפט געפרעגטע פראגעס וועגן די צווייט ביליגסטע זילבער פלאן טאוול</u>**

די FAQ זענען נאר פאר 1095-A באקומער וועלכע זענען איינגעשריבן אין העלט פלענער און פינאנציעלע הילף און וואס דארפן אידענטיפיצירן זייער צווייט נידריגסטע קאסט זילבער פלאן ( Second Lowest Cost Silver Plan, SLCSP( אויף די מאנאטליכע SLCSP טאוול.

**1. איך האב זיך איינגעשריבן אין א העלט פלאן אין פעברואר 2025 און ווען איך האב געהייראט אין יוני 2025, האב איך צוגעלייגט מיין מאן/ווייב צו מיין העלט פלאן. אונז האבן ביידע נישט געהאט אנדערע מינימום עסענשאל דעקונג. וואס איז אונזער דעקונג פאמיליע סארט ?**

אויב איר הייראט, וועט אייער דעקונג פאמיליע סארט זיך טוישן אין די מאנאט וואס איר לייגט צו אייער מאן/ווייב צו אייער פלאן. צום ביישפיל, אויב איר הייראט אום יוני 12 און איר האט צוגעלייגט אייער מאן/ווייב צו אייער פלאן אנגעהויבן פון יולי, וועט אייער נייע דעקונג פאמיליע סארט זיך אנהייבן אין יולי . פאר די מאנאטן פון פעברואר, מערץ, אפריל, מאי און יוני, איז אייער דעקונג פאמיליע סארט "אינדיווידועל." אנגעהויבן פון יולי, איז אייער דעקונג פאמיליע סאר ט ״פארפאלק״.

אויב איר האט נישט צוגעלייגט אייער מאן/ווייב צו אייער פלאן ביז אויגוסט, וועט אייער דעקונג פאמיליע סארט זיך נישט טוישן ביז אויגוסט.

**2. איך און מיין דאמעסטישע פארטנער האבן זיך צוזאמען איינגעשריבן אין א דעקונג פלאן אין פעברואר. מיר האבן געהייראט אין יולי און געבליבן איינגעשריבן אין די זעלבע העלט פלאן. אונז ביידע האבן נישט אנדערע מינימום עסענשאל דעקונג. וואס איז אונזער דעקונג פאמיליע סארט?**

דעקונג פאמיליע סארט איז באזירט אויף אייער סטאטוס פון די ערשטע טאג פון די מאנאט.

פאר די מאנאטן פון פעברואר ביז יולי, האט איר און אייער דאמעסטישע פארטנער באזונדער די דעקונג פאמיליע סארט פון ״אינדיווידועל״. פון אויגוסט און ווייטער, איז אייער דעקונג פאמיליע סארט ״פארפאלק״. ווייל דאמעסטישע פארטנערשאפט איז נישט א שטייער איינגעבונג סטאטוס, זענט איר און אייער פארטנער אין א באזונדערע שטייער הויזגעזונד און ווערן גערעכנט אלץ באזונדערע דעקונג פאמיליעס. יעדע פון אייך וועט נאכפאלגן די ״אינדיווידועל״ קאלום אויף די SLCSP טאוול.

**3. מיין מאן/ווייב און איך האבן זיך איינגעשריבן אין א העלט פלאן אין מערץ 2025 און זיך גע'גט אין סעפטעמבער 2025. אונז האבןביידע נישט געהאט אנדערע מינימום עסענשאל דעקונג. וואס איז מיין דעקונג פאמיליע סארט ?**

אויב איר גט זיך און נעמט אראפ אייער געוועזענע מאן/ווייב פון אייער אינשורענס פאליסי, וועט אייער דעקונג פאמיליע סארט זיך טוישן אנגעהויבן פון די מאנאט וואס אייער געוועזענע מאן/ווייב איז נישט אויף אייער פאליסי. צום ביישפיל, אויב סעפטעמבער איז די לעצטע מאנאט וואס אייער מאן/ווייב איז געווען אויף אייער העלט פלאן, וועט אייער דעקונג פאמיליע סארט פאר די מאנאטן פון מערץ ביז סעפטעמבער זיין "פארפאלק". פון אקטאבער און ווייטער, איז אייער דעקונג פאמיליע סאר ט "אינדיווידועל".

אויב איר האט זיך גע'גט און נישט אראפגענומען אייער געוועזענע מאן/ווייב פון אייער אינשורענס פאליסי, ביטע זעט די 8962 פארם פאר אנווייזונגען. געדענקט זיכער צו מאכן צו אפדעיטן אייער NY סטעיט אוו העלט אקאונט דורכאויס די יאר אויב איר האט סיי וועלכע טוישן פון איינקונפט אדער אנדערע אומשטענדן .

**4. מיין מאן/ווייב און איך האבן זיך איינגעשריבן אין א העלט פלאן אין מערץ 2025. אין אויגוסט**
**2025האבן מיר געהאט א קינד און צוגעלייגט דעם קינד צו אונזער העלט פלאן יענע מאנאט. קיינער פון אונז האבן נישט געהאט אנדערע מינימום עסענשאל דעקונג. וואס איז אונזער דעקונג פאמיליע סארט ?**

פאר די מאנאטן אין וועלכע נאר איר און אייער מאן/ווייב זענען געווען איינגעשריבן, איז אייער דעקונג פאמיליע סארט "פארפאלק". פאר די מאנאט אין וועלכע אלע דריי פון אייך זענען געווען איינגעשריבן אין דעקונג, וועט אייער דעקונג פאמיליע סארט ווערן "פארפאלק + קינד)ער.(" אין די ביישפיל, איז אייער דעקונג פאמיליע סארט "פארפאלק" פאר די מאנאטן פון מערץ ביז יולי און טוישט זיך צו "פארפאלק + קינד)ער(" פאר די מאנאטן פון אויגוסט און ווייטער.

אויב אייער קינד האט נישט געהאט דעקונג ביז סעפטעמבער, וועט אייער דעקונג פאמיליע סארט זיך נישט טוישן ביז סעפטעמבער .

**5. מיינע פיר קינדער זענען איינגעשריבן אין נאר א קינד קוואליפיצירטע העלט פלענער אין 2025דורך די NY State of Health אן קיין פינאנציעלע הילף. זיי האבן נישט אנדערע מינימום עסענשאל דעקונג. חוץ פון זיי איז קיינער פון די הויזגעזונד נישט איינגעשריבן אין די NY State of Health. וועלכע קאלום נוץ איך צו אויסטרעפן מיין SLCSP?**

די נאר א קינד מאנאטליכע פרימיום צאל איז די קאסט פער קינד פאר קינדער וואס זענען נאכנישט געווארן 21. אויב אפאר קינדער זענען אין די דעקונג הויזגעזונד, פארמערט די נאר א קינד מאנאטליכע פרימיום צאל לויט די צאל קינדער אין די הויזגעזינד.

צום ביישפיל, אויב איר האט 4 קינדער, פארמערט יענע פרימיום צאל ביי 4 צו אויסרעכענען די קאסט פון די SLCSP.

**6.איך בין די איינציגסטע אין מיין פאמיליע וואס איז איינגעשריבן אין א העלט פלאן דורך NY סטעיט אוו העלט אין פעברואר 2025 און איך האב נישט אן אנדערע מינימום עסענשאל דעקונג. אין יולי 2025, האב איך זיך אריבערגעצויגן פון אלבאני קאונטי צו פרענקלין קאונטי .**

**וויאזוי קען איך אויסטרעפן די ריכטיגע מאנאטליכע SLCSP פרימיום?**

דעקונג פאמיליע סארט איז באזירט אויף וואו איר האט געוואוינט די ערשטע טאג פון די מאנאט און די SLCSP פרימיום וועט זיך דעריבער טוישן די מאנאט נאך וואס איר ציט זיך אריבער. ערשטנס, קוקט אויף די SLCSP פרימיומס פאר די דעקונג פאמיליע סארט פון אינדיווידועל . דערנאך, קוקט אויף די SLCSP פרימיומס פאר אלבאני קאונטי פאר די מאנאטן פון פעברואר ביז יולי . פאר די מאנאטן פון אויגוסט און ווייטער, נוצט די SLCSP פרימיום פאר פרענקלין קאונטי.

6. **מיין מאן/ווייב, אונזערע צוויי קינדער, און איך זענען איינגעשריבן אין א העלט פלאן דורך די NY סטעיט אוו העלט. מיין מאן/ווייב און איך וואוינען אין דאטשעס קאונטי. אונזערע קינדערע גייען אין קאלעדזש אין העמילטאן קאונטי. וועלכע קאונטי דארפן מיר קוקן פאר אונזער SLCSP פרימיום?**

אויב די פריימערי שטייער איינגעבער איז איינגעשריבן, זאלט איר נוצן די SLCSP פאר די קאונטי פון די פריימערי שטייער איינגעבער. אין די מצב, וויבאלד די עלטערן זענען מסתם די פריימערי שטייער איינגעבער זאלן זיי נוצן די SLCSP פרימיום פאר דאטשעס קאונטי.

7. **אונזערע צוויי קינדער זענען איינגעשריבן אין א העלט פלאן דורך די NY סטעיט אוו העלט, אבער איך בין נישט. איך וואוין אין דאטשעס קאונטי און מיינע קינדערע גייען אין קאלעדזש אין העמילטאן קאונטי . וועלכע קאונטי נוץ איך פאר זייער SLCSP פרימיום?**

אין אזעלכע מצבים, וואו די פריימערי שטייער איינגעבער )די עלטערן( איז נישט איינגעשריבן אין א העלט פלאן, איז די SLCSP איז די רעזידענציעלע אדרעס פון די פריימערי סובסקרייבער. אין די ביישפיל, די SLCSP פרימיום וועט זיין די פרימיום פאר וועלכע קאונטי די קינדער נוצן אלץ זייער הויפט רעזידענציעלע אדרעס יעדע מאנאט .

**8. מיין מאן/ווייב און איך האבן זיך איינגעשריבן אין א העלט פלאן דורך די NY סטעיט אוו העלט אן פינאנציעלע הילף אין יאנואר . אין יוני, האט מיין מאן/ווייב באקומען מעדיקעיר טייל A אבער האט געהאלטן איר NY סטעיט אוו העלט פלאן. וואס איז אונזער דעקונג פאמיליע סארט?**

פאר די מאנאטן אין וועלכע איר זענט ביידע געווען איינגעשריבן אין א NY סטעיט אוו העלט פלאן און נישט איר און נישט אייער מאן/ווייב האט מעדיקעיר, וואס איז אן אנדערע מינימום עסענשאל דעקונג, אייער דעקונג פאמיליע סארט איז"פארפאלק".

פאר די מאנאטן אין וועלכע איר זענט ביידע געווען איינגעשריבן אין א NY סטעיט אוו העלט פלאן און אייער מאן/ווייב האט געהאט מעדיקעיר טייל A, איז אייער דעקונג פאמיליע סאר ט"אינדיווידועל" ווייל מעדיקעיר טייל A ווערט פאררעכנט אלץ א מינימום עסענשאל דעקונג.

**9. מיין מאן/ווייב און איך האבן אפגעזאגט העלט אינשורענס דעקונג פון מיין ארבעטסגעבער און זיך איינגעשריבן אין א הע לט פלאן דורך די NY סטעיט אוו העלט. וואס איז אונזער דעקונג פאמיליע סארט?**

אין די מצב, וועט אייער דעקונג פאמיליע סארט זיך ווענדן אויב אייער עמפלאיער ספאנסארד אינשורענס (ESI) איז יא אדער נישט געווען צוגענגליך און אויב עס האט צוגעשטעלט די מינימום ווערד . אויב די ESI איז נישט געווען צוגענגליך אדער האט נישט צוגעשטעלט די מינימום ווערד, איז אייער דעקונג פאמיליע סארט פארפאלק. אויב אייער ESI איז געווען צוגענגליך אדער האט צוגעשטעלט די מינימום ווערד, זענט איר נישט בארעכטיגט פאר די PTC.

צו באשטימען אויב אייער דעקונג איז געווען צוגענגליך אדער האט צוגעשטעלט די מינימום ווערד, ביטע שמועסט עס אויס מיט אייער שטייער אנווייזער אדער גייט איבער פראגעס 8 און 9 פון די IRS אויף די פרימיום שטייער קרעדיט:
[http://www.irs.gov/Affordable-Care-Act/Individuals-and-Families/Questionsand-Answers-on-the-Premium-Tax-Credit](http://www.irs.gov/Affordable-Care-Act/Individuals-and-Families/Questionsand-Answers-on-the-Premium-Tax-Credit)

**10. מיין מאן/ווייב און איך קלעימען אונזער ערוואקסענע קינד אלץ א דעפענדענט. אונז זענען אלע איינגעשריבן אין באזונדערע העלט פלענער אין די NY סטעיט אוו העלט. וואס איז אונזער דעקונג פאמיליע סארט?**

אייער דעקונג פאמיליע סאר ט"פארפאלק + קינד(ער)."

**11. איך בין איינגעשריבן אין א העלט פלאן דורך די NY סטעיט אוו העלט . מיין ווייב איז איינגעשריבן אין מעדיקעיד. וואס איז מיין דעקונג פאמיליע סארט?**

אייער דעקונג פאמיליע סארט איז"אינדיווידועל".

**12. פארוואס בין איך און מיין דאמעסטישע פארטנער באזונדערע דעקונג פאמיליעס?**

ווייל דאמעסטישע פארטנערשאפט איז נישט א פעדעראלע שטייער איינגעבונג סטאטוס, זענט איר און אייער פארטנער אין א באזונדערע שטייער הויזגעזונד און ווערן גערעכנט אלץ באזונדערע דעקונג פאמיליעס. יעדע פון אייך וועט נאכפאלגן די"אינדיווידועל" קאלום אויף די SLCSP טאוול.

**13. איך דארף נוצן די מאנאטליכע SLCSP טאוול צו אידענטיפיצירן מיין SLCSP פרימיום . איך ווייס ווער עס איז געווארן געדעקט אויף מיין פאליסי, אבער איך ווייס נישט ווער פון די אינדיווידועלן זענען אין מיין שטייער פאמיליע .**

צו קענען באשטימען ווער עס איז אין אייער דעקונג הויזגעזונד, מוזט איר ערשט באשטימען אייער שטייער פאמיליע. די IRS ערקלערט "שטייער פאמיליע" אין די אנווייזונגען פאר די 8962 פארם. אויב איר האט ווייטערדיגע פראגעס וועגן ווער עס איז אין אייער שטייער פאמיליע, ביטע באזוכט www.irs.gov אדער שמועסט עס אויס מיט אייער שטייער אנווייזער.

**14. אויב מיין מאן/ווייב און איך זענען איינגעשריבן אין א פלאן מיט אונזערע קינדער, וויאזוי ווייסן מיר אויב מיר דארפן נוצן די פרימיום צאל וואס ווערט אויסגערעכנט אונטער "דעפענדענט קינדער אונטער 26 יאר אלט" אדער די פרימיום צאל וואס ווערט אויסגערעכנט אונטער "דעפענדענט קינדער אין עלטער פון 26-29"?**

אויב אייער שטייער דעפענדענט קינד איז אונטער 26 יאר אלט, נוצט די צאל וואס ווערט אויסגערעכנט אונטער "דעפענדענט קינדער אונטער 26 יאר אלט ." אויב אייער שטייער דעפענדענט קינד איז 26 ב יז 29 יאר אלט, נוצט די צאל וואס ווערט אויסגערעכנט אונטער "דעפענדענט קינדער אין עלטער פון 26-29."